8 ערד־ציטערנישן אויף פֿאַרשיידענע ערטער. דאָס
9 אַלץ אָבער איז דער אָנהויב פֿון די ווייען. דעמלט
וועט מען אײַך איבערגעבן צו באַדריקונג, און מען
וועט אײַך טייטן; און איר וועט זײַן געהאַסט פֿון
10 אַלע פֿעלקער צוליב מײַן נאָמען. און דעמלט וועלן
אַ סך שטרויכלען, און פֿאַרראַטן איינס דאָס אַנדערע,
11 און זיך האַסן איינס דאָס אַנדערע. און עס וועלן
אויפֿשטיין פֿיל פֿאַלשע נביאים, און פֿאַרפֿירן אַ סך.
12 און דורך דעם וואָס אומגערעכטיקייט וועט זיך
פֿאַרפֿילפֿאַכן, וועט די ליבע פֿון אַ סך זיך אָפּקילן.
13 ווער אָבער עס האַלט אויס ביז צום סוף, דער וועט
14 געראַטעוועט ווערן. און די דאָזיקע גוטע בשורה
פֿון דעם מלכות וועט אויסגערופֿן ווערן אין דער
גאַנצער באַוווינטער וועלט, ווי אַן עדות צו אַלע
פֿעלקער, און דעמלט וועט קומען דער קץ.
15 דעריבער ווען איר זעט די אומווירדיקייט פֿון
דער פֿאַרוויסטונג, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך
דניאל הנביא, שטיין אויף דעם מקום־קדוש—זאָל
16 דער לייענער פֿאַרשטיין!—, (דניאל יב׳, יא׳) דעמלט זאָלן
17 די, וואָס זענען אין יהודה, אַנטלויפֿן צו די בערג;
דער, וואָס איז אויפֿן דאַך, זאָל נישט אַראָפּגיין
18 נעמען עפּעס פֿון זײַן הויז; און דער, וואָס איז אין
פֿעלד, זאָל זיך נישט אומקערן צוריק, צו נעמען זײַן
19 בגד. אָבער ווײ איז צו די מעוברתדיקע און צו די
20 אַנזויגערינס אין יענע טעג! און טוט תפֿילה, אַז
אײַער אַנטרינונג זאָל נישט געשען אין ווינטער, און
12 נישט שבת. וואָרום עס וועט דעמלט זײַן אַ גרויסע
צרה, וואָס אירסגלײַכן איז נישט געווען פֿונם אָנהויב
פֿון דער וועלט ביז אַצונד, און וועט אויך מער נישט
22 זײַן. און אויב יענע טעג וואָלטן נישט פֿאַרקירצט
געוואָרן, וואָלט קיין שום בשר (ודם) נישט ניצול